


יו"ל ע"י לוי יצחק שנעק מגי"ש בישיבת צאנז- ובישיבת יסודי התורה וויען- בארא פארק
גליון א' שנה ד' סוכות תשפ"ז – לקבלת הגליון, וכן להערות והארות, ניתן לפנות 1818yesh@gmail.com: 315-400-1818

# זמן שמחתנו – פארוואס?? זענען מיר טאקע אזוי בשמחה!!

**חיים:** קענסטו מיר מסביר זיין אויף פלעין אידיש, וואס מיינט דאס "זמן שמחתנו"?

**משה:** יא חיים, איך קען דיר עס בעזרת השם מסביר זיין, אבער פארדעם וויל איך דיר פרעגן א שאלה.

**חיים:** משה, איך האב שוין געוואוסט אז דאס קומט... אוקעי, דו קענסט אנהייבן מיט דיין שאלה.

**משה:** יא חיים, לאמיר אנהייבן:

**לויט'ן אלגעמיינעם גאסישן בליק - ווער איז דער וואס דארף חיזוק?**

**חיים:** ס'איז זייער פשוט. לאמיר נעמען א משל: אויב ס'איז דא אין ישיבה א גוטער בחור מיט אן אייזערנעם קאפ... ער פארשטייט אלעס... אלע מגידי שיעור האבן אים זייער ליב... ער באקומט א הונדערט אויף יעדע בחינה... ער האט גוטע חברותות... אזא בחור דארף דאך נישט קיין חיזוק, ביי אים איז אלעס אין בעסטן ארדענונג.

אבער!!! א בחור וואס האט א שוואכן קאפ... ער האט נישט קיין גוטע חברותא... ער באקומט זייער שוואכע מארקס אויף זיינע בחינות... ער האט נישט קיין חשק צום דאווענען אדער צום לערנען... אזא בחור דארף זיכער חיזוק.

**משה:** זייער גוט חיים...

**נו וויאזוי טוט מען מחזק זיין אזא בחור?**

**חיים:** זייער פשוט משה. מ'זאגט אים: "טייערער בחור'ל, דו ווייסט דאך אז דער עיקר לערנען דארף זיין 'לשמה'... ביי חסידים ווייסט מען דאך ווי שטארק דער הייליגער בעל שם טוב האט געשריגן קעגן לערנען שלא לשמה... און אז לערנען תורה לשמה איז די העכסטע מדריגה!"

לויט דעם קומט אויס, אז א גוטער בחור טראכט געווענליך נאר פון זיין גוטן קאפ... פון די גוטע קשיות וואס ער גייט פרעגן... ער איז פארנומען מיט זיינע הצלחות, ממילא פעלט ביי אים דער גאנצער תכלית הלימוד!

**דאס מיינט אז... אזא בחור קען אפלעבן אלע זיינע בחור'ישע יארן און גארנישט אויפטון!!!** ווייל ער טוט אלעס נאר צו בויען זיין אייגענעם נאמען, און ער האט בכלל נישט אינזין אז ער לערנט פשוט ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן! ליידער איז דאס דער מציאות, אז א בחור דארף זיך גוט קראצן אין קאפ, זיך צו דערמאנענען ווען ער האט דאס לעצטע מאל אינזין געהאט אז ער לערנט תורה בלויז ווייל דער באשעפער האט אזוי געהייסן... ער וויל אים מאכן א נחת רוח און מקיים זיין די מצוה פון לימוד התורה.

אבער דער שוואכער בחור... וואס האט נישט קיין גוטן קאפ... ער פארשטייט נישט אזוי גוט... קיינער קוקט נישט אויף אים... ער האט נישט קיין גוטע חברותות... ער פלאנט דאך סייווי נישט צו ווערן קיין ראש ישיבה, קיין רב אדער א מגיד שיעור... נו, פארוואס זאל ער לערנען? פאר אזא בחור זאגט מען: די איינציגסטע סיבה פארוואס ער זאל לערנען איז נאר ווייל ער וויל טון דעם רצון ה'. דאס איז ממש "תורה לשמה" וואס די גאנצע וועלט שטייט אויף דעם, ווייל תורה לשמה איז א גאר הויכע מדריגה.

**דארף דען אזא בחור האבן חיזוק? ער געפינט זיך דאך אויף די העכסטע מדריגה!**

ס'קומט נאך צו דערצו, אז מיר ווייסן דאך אז "יפה אחד בצער ממאה שלא בצער". אז מ'לערנט תורה מיט צער און שוועריגקייט, איז עס הונדערט מאל מער ווערד ווי איינער וואס לערנט אן קיין צער. דארפסטו דען בכלל חיזוק? **פונקט פארקערט! דער "גוטער" בחור דארף חיזוק! ער דארף חיזוק אז ער זאל קענען אנקומען צו דיין מדריגה פון לערנען תורה לשמה, און באקומען אזויפיל שכר, הונדערט מאל מער ווי אים.** חזק ואמץ! מיט אזעלכע ווערטער דארף מען מחזק זיין א שוואכן בחור.

**משה:** זייער גוט, חיים. איך האב באמת הנאה פון דיינע קלארע ווערטער. יעצט לאמיר דיר פרעגן נאך א שאלה: וויאזוי נעמט דער שוואכער בחור אן די אלע זאכן?

**חיים:** יא, ס'איז אמת, דאס זענען טאקע זייער שיינע דברי חיזוק... אבער אז איך האב שוואכע כשרונות... אדער איך האלט נישט ביים לערנען... און איך האב שוואכע חברותות... סוף כל סוף, כדי איך זאל נישט ווערן צעבראכן, זאגט מיר דער מגיד שיעור אדער דער משגיח די דברי חיזוק. און די זעלבע זאך איז ביי יעדע נושא: ווען מ'הערט חיזוק, טראכט מען ביי זיך: דאס זענען טאקע זייער שיינע ווערטער,

**אבער למעשה — ווער איז דער חשוב'ער איד אין בית המדרש?** כאטש וואס לויט מיין חשבון וואלט דער שוואכערער געדארפט זיין מער חשוב. יא, דאס איז א שיינע תורה, אזוי האבן די בעלי דרשנים וואס צו פארקויפן... אבער דאס איז נישט די מציאות!

**משה:** חיים, הפלא ופלא! איך וואלט עס נישט געקענט בעסער ארויסברענגען. אבער דו ווייסט פארוואס מ'טראכט אזוי? די סיבה פארוואס מ'טראכט אזוי, איז ווייל מ'האט א טעות אינעם גאנצן יסוד פון חיזוק;

**מ'וואלט עס געדארפט רופן מיט א צווייטן נאמען, און דאס איז — דברי אמת!**

דהיינו, אז די דברי חיזוק זענען געמאכט געווארן צו עפענען די אויגן, צו קוקן מיט א העכערן בליק וואס ס'טוט זיך באמת אפ אין הימל... מיט אן אמת'דיגן קוק, נישט וויאזוי מיר קוקן דערויף. דאס אז די גרעסטע מדריגה איז צו לערנען תורה לשמה, דאס איז א מציאות... דאס אז ס'שטייט זייער הארבע זאכן אויף תורה שלא לשמה, דאס איז אויך א מציאות... און אויב דיין מצב צווינגט דיר צו לערנען תורה לשמה, איז דאס דאך די העכסטע מדריגה. דאס איז די מציאות... ווייל דו לערנסט דאך נאר פאר איין איינציגע סיבה: צו מאכן א נחת רוח פארן באשעפער יתברך שמו!

**אוודאי איז עס שווער, קיינער זאגט נישט אנדערש, אבער למעשה שטייט דאך "יפה אחד בצער ממאה שלא בצער".**

קומט אויס, אז נישט נאר דו לערנסט 'לשמה', נאר דו באקומסט שכר הונדערט מאל מער פאר יעדע איינציגע מינוט וואס דו לערנסט. דאס איז א פאקט! ס'איז טאקע שווער, אבער דאס איז די מציאות – אז דאס איז די גרעסטע מדריגה. בקיצור: די מציאות איז, אז פונקט ווי יעדער קוקט ארויף אויפן בעסטן בחור אין ישיבה, אזוי קוקט מען אין הימל ארויף אויף דיר; דארט ביסטו דער סאמע בעסטער, ווייל דו לערנסט תורה לשמה.

**אבער חיזוק מיינט נישט נאר אז אויב מען איז שוואך דארף מען חיזוק. חיזוק מיינט בסך הכל: צו עפענען די אויגן! כאילו דו גייסט ארויף אין הימל און דו זעסט וואס מ'וויל דארט באמת, און וואס ס'איז דארט באמת חשוב.**

**וועלכע דזשאב וואלסטו געוואלט?**

**משה:** שטעל דיר פאר חיים, מ'זאגט פאר א מענטש אז איבער צוויי וואכן פארט מען צו א גרויסע יריד, וואו מ'וועט קענען איינקויפן א געוואלד מיט סחורה, און ביז דעמאלט קען מען האבן א דזשאב צו פארדינען גענוג געלט צו קענען שפעטער איינקויפן.

וועלכע אפפער וואלסטו אויסגעקליבן? איין דזשאב איז צו פאקן באקסעס, און די צווייטע איז צו זיין א מענעדזשער – וואס דאס איז דאך א חשוב'ע פאזיציע.

**חיים:** אוודאי וויל איך די חשוב'ע דזשאב!

**משה:** אבער דער מענטש זאגט אים: "ווארט א מינוט, איך האב פארגעסן צו זאגן אז פאר'ן מענעדזשער דזשאב צאלט מען הונדערט דאלער א שעה, אבער פארן פאקן באקסעס צאלט מען טויזנט דאלער א שעה! נו, וועסטו נאך אלץ אזוי שנעל לויפן נעמען די 'שענערע' דזשאב? איך גלייב אז נישט. פארוואס? ס'איז זייער פשוט, ווייל למעשה איז די דזשאב פאר בלויז צוויי וואכן, און מיין גאנצע ציל איז דאך בעיקר צו מאכן אפאר דאלאר. נו, וואס דארף איך טון? העלף מיר ארויס! ס'איז טאקע א חשוב'ע פאזיציע, אבער למעשה גייט עס מיר ברענגען זייער ווייניג געלט. איך מוז באשליסן וואס איך וויל ענדערש פונעם דזשאב: "כבוד" אדער "געלט"? אוודאי געלט! אויב אזוי, נעם איך ענדערש די ארבעט פון פאקן באקסעס.

**משה: חיים, קענסטו מיר מסביר זיין איין זאך:**

**פארוואס איז ביי רוחניות אנדערש?**

**די מציאות איז דאך אזוי: די גאנצע סיבה פארוואס מיר געפינען זיך דא אויף דער וועלט, איז נאר כדי צו קונה זיין פאר לנצח נצחים, און וואס מער מ'קען דארף מען קונה זיין. פאר איין מינוט תורה בצער באקומט מען הונדערט מאל מער ווי אן קיין צער; חוץ פון דעם עצם מציאות אז ווען א מענטש איז שוואך און ער לערנט דאך תורה, איז עס מער תורה לשמה, וואס דאס איז דאך די העכסטע מדריגה.**

**אויב אזוי, פארוואס נעמסטו נישט די "דזשאב"?**

דער תירוץ איז פשוט: **ווייל מיר קוקן אויף די אלע זאכן ווי בלויז שיינע "חיזוק רייד", מיר נעמען עס נישט אן אלס אן עכטע מציאות.** אבער מיר מוזן געדענקען אז: חיזוק איז די עכטע מציאות! ממילא, אויב מ'לעבט מיט דעם, קען מען קונה זיין אומגעהויער פיל, און טאקע דערפאר דארפן מיר עס רופן "דברי אמת" און נישט סתם "דברי חיזוק".

חיים, דאס איז אונזער גרעסטער פראבלעם, ווייל מיר קוקן אויף אלעס ווי סתם דברי חיזוק. ממילא וועט דאס וואס מ'הערט אדער זעט באלד אוועקפאלן, ווייל מ'פילט אז ס'איז נאר חיזוק; ס'איז גוט פאר דרשות, אבער למעשה איז עס נישט אזוי, און דער אמת איז גאר אנדערש... די עצה!

**חיים:** משה, דו ווייסט ווי גוט דו זאגסט. אבער וואס האט דאס אלעס מיט סוכות — "זמן שמחתנו"?

**משה:** זייער פשוט. אבער קודם וויל איך דיר פרעגן א שאלה, און די שאלה איז: וואס איז געשען ט"ו תשרי, אז מ'האט דעמאלטס קובע געווען א יום טוב?

**חיים: משה, וואס איז דיין שאלה? וואס ווילסטו פרעגן?**

**משה:** איך וועל דיר מסביר זיין: פסח איז געווען יציאת מצרים, שבועות האט מען מקבל געווען די תורה, ראש השנה איז א יום הדין, יום כיפור איז דער אויבערשטער מוחל אויף די עבירות, חנוכה איז געווען דער נס חנוכה, און פורים איז געווען דער נס פורים. יעדע יום טוב איז נקבע געווארן פונקט אויף דעם טאג וואס דער נס איז געשען, ווייל וויבאלד יעדעס יאר שפילט זיך עס איבער רוחניות'דיג, האט מען קובע געווען דעם יום טוב יענעם טאג.

אבער סוכות... עס איז דאך גארנישט געשען דעמאלטס! (אויסער וואס דער ב"ח זאגט אז מ'פרייט זיך ווייל מען זאמלט איין די תבואה). פארוואס זאל מען פונקט דעמאלטס בויען א סוכה? עס איז טאקע אמת אז מ'האט עס נישט קובע געווען אלס א זכר צו די ענני כבוד אין די צייט ווען עס איז עכט געשען, כדי עס זאל זיין ניכר אז מיר טוען עס לכבוד דעם יום טוב, אבער פארוואס האט מען עס פונקט געשטעלט אויף ט"ו תשרי, און נישט למשל ר"ח חשון אדער א צווייטע צייט?

**חיים: א געוואלדיגע קשיא, משה. נו, וואס איז טאקע דער תירוץ?**

**משה:** דער תירוץ איז סוכות איז "זמן שמחתנו" נאך מער ווי אלע אנדערע ימים טובים. בעצם וואלטן מיר אלעמאל געדארפט זיין בשמחה נאר פאר די געוואלדיגע זכיה אז מיר זענען "בנים למקום" און אז מיר האבן די זכיה צו טון מצוות. נאר וואס דען? מיר רעדן זיך איין אז דאס זענען בלויז שיינע דיבורים, און נישט קיין עכטע ממשות.

**אבער ווען עס קומט סוכות,**

**דארט באקומט מען א קלאָרן באוויז אז דיין עבודה טוט אויף.**

וואס איז דער באוויז? ווייל דער איינציגסטער וועג וויאזוי מען קען אריינגיין אין די סוכה איז נאר נאך די עבודה פון ראש השנה און יום כיפור, ווען מען ווערט א נייער מענטש. אן די גאנצע עבודה פון ראש השנה און יום כיפור וואלט מען בכלל נישט געקענט אריינגיין אין די סוכה. ממילא, ווען מ'זעט אז די עבודה טוט אויף, ברענגט דאס א געוואלדיגע שמחה. למשל, אויב איך וועל דיר געבן א ביליאן דאלאר, וועסטו זיין בשמחה; אבער אויב דו ווייסט נישט דערפון, וועסטו נישט זיין בשמחה. די זעלבע זאך איז מיט תורה און מצוות: ווען דו זעסט ווי ווייט דיין עבודה האט אויפגעטון, ווייזט דאס דיר ווי חשוב דיין עבודה איז, און ממילא וועסטו אנגעפילט ווערן מיט שמחה.

**משה:** ווי עס שטייט אין די ספרים הקדושים, אז וויבאלד דער יו"ט סוכות איז א זכר צו די ענני הכבוד, און די ענני הכבוד האבן אין זיך א געוואלדיגע קדושה וואס נישט יעדער קען אריינגיין דערין, איז די איינציגסטע צייט וואס ס'איז שייך אריינצוגיין אין די סוכה נאר נאך יום כיפור, נאכדעם וואס דער באשעפער האט אויסגעוואשן און געררייניגט כלל ישראל. דעמאלס קען מען אריינגיין אין די סוכה. דאס הייסט אויף היימיש אידיש געזאגט: אן יום כיפור וואלט מען בשום אופן נישט געקענט אריינגיין אין די סוכה! ממילא תיכף נאך יום כיפור [צוזאמען מיט די פיר טעג וואס האבן נאך א שייכות מיט יום כיפור], דעמאלס קענען מיר אריינגיין אין די סוכה, אבער אן יום כיפור וואלט מען נישט געקענט אריינגיין.

## בקיצור למעשה

סוכות איז זמן שמחתינו מער ווי אלע ימים טובים, ווייל אונז וואלטן בעצם געדארפט זיין בשמחה פאר די געוואלדיגע זכיה וואס מיר האבן אז מיר זענען בנים למקום, אז מיר האבן די זכיה צו טון מצוות וכו' נאר מיר מיינען אז די אלע זאכן זענען אזעלכע שיינע רייד, און נישט למעשה.

אבער ווען עס קומט סוכות, דארט איז דא באוויז אז דיין עבודה טוט אויף, וואס איז די באוויז? ווייל די איינציגסטע וועג צו קענען אריינגיין אין די סוכה איז נאך די עבודה פון ר"ה יו"כ ווייל מוורט א נייע מענטש, אין אן די עבודה פון ר"ה י"כ וואלטסטו נישט געקענט אריין גיין אין די סוכה, ממילא, אז מזעהט אז די עבודה טוט אויף איז דאס א געוואלדיגע שמחה, אזוי אויב איך וועל דיר געבן א בליאן דאללער וועסטו זיין בשמחה, אבער אויב די ווייסט נישט דערפון וועסטו נישט זיין בשמחה, די זעלבע איז מיט תורה און מצות אז די זעהסט ווי ווייט דיין עבודה האט אויפגעטון דאס ווייזט ווי ווייט דיין עבודה איז חשוב ממילא וועסטו זיין בשמחה

**חיים:** משה ס'איז זייער שיין. אבער וואס האט דאס א שייכות מיט אונזער שאלה?

**משה:** ס'איז זייער פשוט. רעדן קען יעדער, אבער ווען מ'זעט מיט די אייגענע אויגן אז ס'איז א מציאות, דעמאלס איז עס גורם שמחה. יעדער ווייסט אז יום כיפור קען מען ווערן א נייער מענטש, און מ'קען זיך אויסרייניגן כתינוק שנולד דמי. אבער מענטשן קוקן עס אן בלויז אלס "חיזוק", שיינע עניינים און שיינע תורות; מ'קוקט עס נישט אן ווי א פאקט, ביז... עס קומט סוכות. וואס זעט מען סוכות? מ'זעט אז מ'לאזט אונז אריין אין די סוכה. איז דאך די קשיא, וויאזוי קען מען טאקע אריינגיין? מ'מוז דאך זוכה זיין צו די מדריגות און די ריינקייט וואס יום כיפור גיבט, ווייל מען זעט דאך אז נישט יעדער איז זוכה געווען צו זיין ארומגענומען מיט די ענני הכבוד. אויב דער באשעפער הייסט מיר אריינגיין אין סוכה, מוז דאך זיין א סימן אז איך בין זוכה געווען דעם פאראנגענעם יום כיפור צו ווערן א נייער מענטש, און ממילא בין איך ראוי אריינצוגיין אין די סוכה. עס איז נישט בלויז אז איך "קען" אריינגיין, נאר איך "מוז" ממש אריינגיין!

דאס ווייזט אונז אז די גאנצע זאך איז אן עכטע מציאות און נישט סתם ווערטער פאר חיזוק. דאס איז טאקע דער טייטש פון "זמן שמחתנו" – מיר זענען בשמחה ווייל מיר זעען קלאר אז די טהרה און די אלע מדריגות זענען נישט סתם אן ענין פון חיזוק, נאר א מציאות גמורה, אזוי ווייט אז איך מעג אריינגיין אין די הייליגע סוכה.

ועל הכלל כולו יצא: דאס דינט אלס א באוויז אויף אלע אונזערע מעשים דורכאויס דעם יאר, אז מיר טוען באמת עפעס אויף. געוויינליך איז נישט דא קיין וועג צו ווייזן די רעזולטאטן, אבער סוכות, ווען מיר גייען אריין אינעם "חדר היחוד" מיט'ן באשעפער – וואס דאס איז בחינת גן עדן, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אויפ'ן פסוק "הביאנו המלך חדריו" – ווייסן מיר אז דאס וואלט נישט געווען מעגליך אן אונזער פלאג און עבודה פון אלול, ראש השנה און יום כיפור. עס מוז דאך זיין אז מיר האבן עפעס געפועל'ט און אויפגעטון, ווייל אויב נישט, וואלטן מיר דאך בשום אופן נישט געקענט אריינגיין!